# צום פינטל

גליון ט
פרשת ויחי תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### קריאת שמע און ברוך שם, ביי יעקב מיט די שבטי קה

**• כאטש מיר זענען צוטיילט, זענען מיר איינס**

די גמרא אין מסכת פסחים (נו ע"א) פארציילט אז ווען יעקב האט געוואלט מגלה זיין די קץ פאר זיינע קינדער, איז די שכינה נסתלק געווארן פון אים, האט יעקב מורא געהאט אז אפשר איז דא ביי זיי חטאים, האבן די קינדער אויסגעשריגען 'שמע ישראל וגו', און זיי האבן געזאגט פאר יעקב, אזוי ווי דיין הארץ איז איינס, אזוי אויך אונזער הארץ. אפילו אונז זענען צוטיילט אין צוועלף, איז נישט דא ביי אונז קיין שום פירוד ח"ו, נאר אונז זענען אלע נכלל אין דיר יעקב, אין דיין אחדות.

און די גמרא פארציילט אז יעקב האט זיך טאקע בארואיגט, און ער האט געזאגט 'ברוך שם וכו', ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז אלע זיינע קינדער זענען ערליך, אז זיי זענען אלע נכלל אין אים, אין זיין הארץ.

מתחילה האבן די צוועלף שבטים זיך אופגעהויבן צו די אחדות פון יעקב, דערנאך האט זיך יעקב אראפגעלאזט צו זיי, דאנקן'דיג גאט מיטן זאגען 'ברוך שם', לויבענדיג זיין ליבען נאמען, אז אפילו אין די פירוד פון זיינע קינדער, וואס זענען צוטיילט אויף צוועלף, אפילו דארטען איז אויך דא די השראה פון די שכינה.

משל למה הדבר דומה, צו א טאטע וואס האט ברוך השם א שטיב מיט קינדער, און כדרכם של בנים איז איינער אביסל אהער, איינער אביסל אהין, ס'איז שווער צו זיין פינקט ווי דער טאטע, די קינדער פראבירן טאקע זיך ארויפצוציען צום טאטן'ס דרגא, זיי פראבירן אלע צו זיין ווי אים, אבער ס'איז פארשטענדלך, אז נישט פאר אלע קינדער איז דאס שייך צוגלייך.

צומאל מאכט זיך אז דער טאטע ווערט באזארגט, ער האט באמערקט איינער פון די קינדער וואס האט משנה געווען פון אים מיט א געוויסע נקודה, און אויף א צווייטע קינד האט ער באמערקט עפעס אנדערשט, ער רופט זיי צוזאם מיט א פחד און ער האלט זיי פאר, אויף דעם וואס זיי זענען אוועקגעגאנגען פונעם זיין וועג, ער נעמט זיי צוזאמען מיט א תביעה און א פארלאנג, ער מאנט פון זיי אז זיי זאלן זיך מער ארויף ציען צו אים, צו זייער טאטענס דרגא.

די קינדער פון זייער זייט, באורואיגען דעם טאטן, זיי ווייזען אים אז באמת האבן זיי גארנישט משנה געווען, אדרבא וכו'. דאן ווערט דער טאטע נתעורר מיט א שבח והודיה פארן אייבערשטן, אז ברוך השם ס'איז 'מיטתו שלימה', אלע זיינע קינדער זענען ברוך השם מיט אים. טאקע יעדער קינד האט זיך אוועקגעשטעלט מיט זיין זאך, מיט זיין אייגענארטיגקייט, אבער פונדעסטוועגן זענען זיי אלע מיט אים, און ער איז רואיג און צופרידען מיט אלע זיינע קינדער, יעדעס קינד אין זיין פלאץ.

א יוד זאגט יעדן טאג 'שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד', ער פארדעקט זיינע אויגען פון די וועלט, ער וויל זיך אויפהייבן צום אייבערשטענס וועלט, און ער שרייט אויס 'שמע ישראל', אז כאטש די וועלט איז עולם הפירוד עולם ההסתר, ס'זעט אויס ווי זאכן זענען אנדערשט ווי די רצון השם, אנדערש ווי די רצון התורה, אבער באמת פונעם אייבערשטנס קוק אויף די וועלט, איז אלעס אויף דער וועלט אינעם כלל פון אחדות.

> **בשעת קריאת שמע נעמט א יוד צוזאם אלע זיינע הרגשים, און מיטן א פלאם פון די טיפעניש פון זיין נשמה, ציעט ער זיי אלע צוזאם, כדי זיי ארויף צו ברענגען צו אחדותו יתברך. נישט נאר זיך אליין ציעט ער ארויף, נאר אויך אלע זיינע חלקים, אלע קושיות און פירודים, אלעס ווערט נכלל און אחדות. צו ס'שטימט יא מיט די נפש הבהמי, צו נישט, אלעס ברענגט מען צוזאם צו איינס מיט א אמונה שלימה.**

און דערנאך ביי 'ברוך שם' נעמט מען צוריק אראפ די הענט פון די אויגען, מען קומט צוריק צו אונזער וועלט, צו די וועלט פון פירוד און הסתר, און מען דאנקט דעם אייבערשטן, מען זעט דעם אייבערשטן אין דעם מציאות כמו שהיא, און מען פרייד זיך אז אפילו אין אזא מצב האט מען געקענט מייחד זיין דעם אייבערשטן, אפילו אין אזא הסתר האט מען געקענט מגלה זיין אז עס איז נאר דא איין באשעפער אויפן וועלט.

**• מען איז מייחד אלע פילינגס צו איינס**

ס'איז באקאנט די מהלך פונעם רמב"ם און די חובת הלבבות, אז דורעך שכל און פילוסופיא זאל א יוד צוזאם ברענגען די גאנצע וועלט צו איינס, מיט די כוח החכמה פונעם מענטש, קען מען צוזאם ברענגען די פירוד פון די וועלט, און מגלה זיין ווי אלעס ווערט געפירט מיט אן אחדות'דיגע כח, און ווי אלעס לויפט זיך צוזאם צו איינס, צו כוחו יתברך בשמים. אבער די חסידישע ספרים זאגען אז מיט 'אמונה' אליינס קען מען אלעס צוזאם ברענגען.

און דאס איז טאקע די עבודה פון א יוד ביי קריאת שמע, ער שלאגט זיך מיט די הרגשים וואס פילן 'פירוד', און ער שרייעט אויס מיט א מסירות נפש, מיט די גאנצע אמונה, אז אלעס איז באמת אחדות, אפילו ס'איז פארקערט ווי מען פילט און זעט.

בשעת קריאת שמע נעמט א יוד צוזאם אלע זיינע הרגשים, און מיטן א פלאם פון די טיפעניש פון זיין נשמה, ציעט ער זיי אלע צוזאם, כדי זיי ארויף צו ברענגען צו אחדותו יתברך. נישט נאר זיך אליין ציעט ער ארויף, נאר אויך אלע זיינע חלקים, אלע קושיות און פירודים, אלעס ווערט נכלל און אחדות. צו ס'שטימט יא מיט די נפש הבהמי, צו נישט, אלעס ברענגט מען צוזאם צו איינס מיט א אמונה שלימה.

דער אייבישטער האט באשאפן די טבע פונעם מענטש, אז דער גוף לויפט אוועק פון אחדות, ווי נאר ער פאנגט אן מייחד צו זיין אלעס פארן אייבערשטן, פאנגט גלייך די נפש הבהמי אהן אוועק צו לויפן, ס'איז אים עפעס זייער נישט באקוועם. אבער פון דעסטוועגן, איז זיך דער יוד מוסר נפש, ער שטארקט זיך אויפן פירוד, און ער שרייט אויס מיט א מסירות נפש 'שמע ישראל וגו'', אלעס איז אין כלל פון אחדות, אפילו די פירוד גופא.

ווען א יוד לייענט קריאת שמע איז ער זיך כולל אין די שבטים הקדושים, 'כשם שאין בלבך אלא אחד, כך אין בלבנו אלא אחד', ער ווערט אויך נכלל אין די אחדות פון יעקב אבינו, וואס ער איז אלעס מייחד פארן אין סוף ברוך הוא.

און דערנאך זאגט א יוד 'ברוך שם וכו', ער קומט צוריק אראפ צו זיין וועלט, און ער דאנקט דעם אייבערשטן אז אין אזא פירוד האט ער געקענט מגלה זיין אחדותו יתברך. כאטש ער האט געפילט ווי די גוף, די אברים, די הארץ, אלס ציעט אים אוועק פון מסירות נפש, אבער ער האט זיך געשטארקט און אויסגעשריגען 'שמע ישראל'. און נישט נאר דאס, נאר דייקא די אלע הרגשים וואס האבן זיך געוואלט אפטיילן ח"ו פון אחדות, דייקא זיי גופא האט ער זוכה געווען צו כולל זיין אין אחדות מיט זיין שרייען 'שמע ישראל'.

# לומדים את ר' חיים

**נעם אריין - געב ארויס**

## • זיי א מכניס און א מוציא

ביי ביזנעס ווייסט מען אז פון איין זייט דארף די שפע אריינקומען, און פון די אנדערע זייט דארף די שפע ארויס גיין ווייטער. און די כלל גייט, אז טאמער מען איז געבליבן שטעקן, מען האט נישט געקענט גוט ארויס געבן די סחורה, אוטאמאטיש שטערט עס אויף אריינצוברענגען פרישע, ווייל כדי צו קענען אריינברענגען פרישע, מוז מען פארדעם ארויסגעבן די אלטע.

די שורש פון די דאזיגע כלל קומט פון די נפש האדם, דער נפש פון איין זייט דארף ער אריין נעמען, און פון דער אנדערע זייט דארף ער ארויס געבן, ער נעמט אריין דורעך די פיר חושים, זען, הערן, שמעקן, טאפן. און ער געט ארויס, דורעך דיבור כתיבה מעשה און אנדערע אופנים. אויך דער גוף פונעם מענטש ארבייט אזוי, ער נעמט אריין מאכל ומשתה, און ער גיבט ארויס בלוט און אנדערע געזונטע חלקים פארן מענטש (און די פסולת שטיפט ער ארויס).

די פיר חושים ארבעטען מיט א כח המושך, זיי זאפן איין פון אינדרויסען, מיט א תנועה פון אינדרויסען אויף אריין. און די כוחות פון דיבור, כתיבה, און עשייה, זענען אויסגעשטעלט מיט א פארקערטע תנועה, מיט א תנועה פון ארויס געבן, מיט א תנועה פון א כח הדוחה, די מויל שטיפט ארויס די דיבורים, און די הענט שרייבט און שטיפט ארויס די אותיות אויפן פאפיר, און אזוי ווייטער אלע פעילות וואס דער מענטש טוט, וואס זיי קומען פון די כח הדוחה. (די הענט האבן בעצםביידע כוחות, די הענט נעמען אריין, און זיי געבן ארויס, אבער די לשון 'יד' איז מער אויפן ארויס געבן, ווי די מדקדקים [הכתב והקבלה, ועוד] זאגען אז די לשון 'יד' איז פון די לשון 'ידה' ווארפן, ער ווארפט ארויס זיינע כוחות).

און אויב אזוי זעט מען ביי די טבע פון די נפש און די גוף, איז פארשטענדליך אז אסאך זאכן לויפט אויף אזא וועג, פון איין זייט זאל אריין קומען פרישע סחורה, און פון די אנדערע זייט זאל ארויס גיין די אלטע, און די אלטע זאל נישט שטערן פון אריין צו ברענגען נייע.

אויך ביי תורה איז אזוי, ווי למשל, א תלמיד חכם כדי ער זאל קענען אריינעמען פרישע תורה אין זיך, וועהט ער מוזען קודם ארויסגעבן די אלטע, אויב האט ער נישט ווי ארויסצוגעבן די אלטע, ער האט נישט ווי זיך אויסצוגעבן, וועהט עס אים שטערן פון אריינצוברענגן פרישע. אדער דארף ער זיך ארויסגעבן מיט כתיבה, אדער מיט דיבור, אבער בכל אופן מוז מען זיך ארויסגעבן כדי צו אריינברענגען פרישע. (בעצם ביי תורה איז דא לכאורה א פארקערטע כלל 'אם שמוע בישן תשמע בחדש', ואין להאריך כאן).

## • א לעבעדיגע דוגמא פון ר' חיים קנייבסקי זצ"ל

**אז מ'וויל האבן א גוטע דוגמא פאר די אויגען, איז מען זיך מתבונן אין רבינו הגדול הגאון ר חיים קנייבסקי זצ"ל, ווי אזוי ער האט געארבעט מיט די צוויי כוחות ביי תורה, די כח המושך און די כח הדוחה.**

**דער גאון פלעגט זיצן און לערנען א גאנצע נאכט, ביינאכט איז געווען מיוחד פאר די כח המושך, אריין נעמען און איינזאפן אין זיך נאך און נאך תורה, תנ"ך משנה גמרא רמב"ם הלכה ועוד ועוד. אלע זיינע 'כלי קיבול' זענען געווען ברייט אפן, און די תורה הקדושה האט זיך אריין געגאסן ווי פון זיך אליינס.**

**דערנאך דורעכן טאג האט רבינו זצ"ל זיך אפגעגעבן מיט שרייבן חידושים און בירורים אין די תורה, מיט זיינע פילע ספרים וואס ער האט ארויסגעגעבן, און מיט די פילע תשובות וואס ער האט געענטפערט. וואס דאס אלעס קומט מער פון די 'כח הדוחה'**

פונעם מענטש, וואס שטופט ארויס די כוחות פונעם מענטש, פון אינדערוויינינג אויף ארויס, ארויס צוגעבן זיינע יצירות פאר די וועלט.

ס'איז באקאנט אז זיין טאטע דער סטייפלער זצ"ל, האט אים אויסגעלערנט די דאזיגע וועג פון זיך ארויסגעבן, ער האט אים געזאגט אז ער זאל נישט אננעמען קיינע פאסטן'ס, נאר ער זאל זיך ארויסגעבן נאר דורעך שרייבן. און אזוי האט זיך דאך דער הייליגער חזון איש אויך געפירט, זיך ארויסצוגעבן נאר מיטן שרייבן זעלבסט, די חזון איש האט קיינמאל נישט גערעדט קיין דרשות וכדומה, ער האט זיך ארויסגעגעבן בלויז מיטן שרייבן.

על כל פנים וואס קומט אויס איז, אז פון איין זייט דארף דער תלמיד חכם זיך עפענען און זיך אנפילן מיט תורה הקדושה, אבער פון דער אנדערע זייט דארף מען האבן א פלאץ ווי עס ווייטער ארויס צוגעבן, ווייל נאר אז מ'געט ארויס פון די אלטע, האט מען די כוחות אריינצוברענגען די נייע. און די העכסטע פלאץ דערצו איז דורעך כתיבה, ער לעבט זיך אין זיין וועלטעל, און ער געט ארויס זיינע כתבים פאר די וועלט.

## • די סיפוק הנפש צו פארציילן

**אין דאס זענען די צוויי חלקים פון רבינו הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, זיינע חובות מיט זיינע ספרים, די חובות איז אריינצונעמען, זיך אנצופילען מיט ידיעות התורה. און די ספרים איז ארויסצוגעבן די זאך ווייטער, מיט א תוספות חידוש. ס'קומט אריין באופן פשוט, און ס'גייט ארויס מיט א עיון און מיט א תוספות חידוש.**

ס'איז באקאנט, אז א מענטש וואס איז אין יענע עק וועלט, און ער זעהט עפעס גאר אינטערסאנט, וועהט ער נישט האבן פון דעם קיין שלימות'דיגע נחת רוח, כל זמן ער האט עס נישט דערציילט פאר א צווייטן. פשט איז, אז א מענטש מוז אלע מאל האבן ביידע זייטן, פון איין זייט מוז ער אריינעמען אינפארמיישן, אבער פון די אנדערע זייט מוז ער אויך ארויסגעבן די אינפארמיישן, און נאר דעמאלטס ווערט ער זאט.

אזוי אויך להבדיל אלפי הבדלות ביי א תלמיד חכם, פון איין זייט נעמט ער אריין גרויסע סוגיות און חידושים אין תורה, אבער פון די אנדערע זייט, ווערט ער נישט זיין זאט טאמער ער האט נישט פארוועם עס צו דערציילן, פארוועם עס ארויצוגעבן. צו פאר חברים, ביי דרשות, אדער דורכען שרייבן, אבער עס מוז זיין א פלאץ ווי מ'געט זיך ארויס.

און דאס איז בעומק די נפקא מינה צווישן 'שיעור עיון' און 'שיעור פשוט', ביי שיעור פשוט איז בעיקר די ציעל אריין צו נעמען, ווי מער איינצושלינגען אין זיך אריין, און ביי שיעור עיון איז די עיקר ציעל זיך ארויסצוגעבן, ארויסצוברענגען דורעך זיין עיון, עפעס א קלארקייט, זיך ארויסגעבן מיט א תנועה פון אינדערוויינינג אויף ארויס, 'מכח אל הפועל'.

ביים ערשטן סטעפ נעמט מען אלעס אריין, מען איז נאך נישט דא אויף צו מאכן 'סדר', ביים צווייטען סטעפ, נאכדעם וואס מען ווייסט שוין די אינפארמיישן פאר די סוגיא, יעצט דארף מען זיך נעמען מסדר זיין, וואס פון די כח הסדר, קומט געוועונטלעך ארויס חידושים.

קודם דארף א מענטש זיך אנפילען מיט וואס ס'גייט, ווי אזוי ס'גייט, ער פילט זיך אהן מיט ידיעות ביי שיעור פשוט, און ערשט נאכדעם קומט ער צו שיעור עיון, און ער איז מסדר די זאך בעיון, וואס דארף מען מקדים זיין, און וואס דארף מען מאחר זיין, וואס איז דער 'עיקר' און וואס איז דער 'טפל', און ווי מער ער איז מסדר ברענגט ער עס אריין אין מער עיון.

אין דאס זענען די צוויי חלקים פון רבינו הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, זיינע חובות מיט זיינע ספרים, די חובות איז אריינצונעמען, זיך אנצופילען מיט ידיעות התורה. און די ספרים איז ארויסצוגעבן די זאך ווייטער, מיט א תוספות חידוש. ס'קומט אריין באופן פשוט, און ס'גייט ארויס מיט א עיון און מיט א תוספות חידוש.

## דער טיטל 'חסיד'

אין חז"ל איז דא זייער אסאך דער טיטל 'חסיד', די גדר פון א חסיד איז איינער וואס טוט מער ווי אנדערע מענטשן. דאס הייסט, אז די ציבור איז אויף א געוויסע דרגא, א געוויסע רוטין, מ'איז נזהר אין זאכן וואס יעדער איז נזהר, אבער א חסיד איז איינער וואס טוט מער פון דעם.

ס'איז באקאנט אז א 'חסיד' מיינט 'לפנים משורת הדין', אבער באמת יעדער וואס טוט מער פון וואס סתם מענטשן טוען, ווערט אנגערופן א חסיד. ווי מ'זעהט אין די הייליגע חז"ל "האי מאן דבעי למיהוי חסידא, יקיים מילי דנזיקין, מילי דאבות, מילי דברכות". די זאכן זענען זאכן וואס מ'איז געהעריג מחויב, אבער היות סתם מענטשן זענען נכשל אין די זאכן, איז איינער וואס איז יא נזהר אין זיי, באקומט ער דעם טיטל 'חסיד'.

און מסכת אבות (פרק ה) טרעף מיר אפאר מאל די הגדרה אויף א חסיד, ווי די משנה זאגט 'שלי שלך ושלך שלך חסיד', 'יתן ויתנו אחרים חסיד', 'הולך ועושה חסיד', וואס בעומק מיינען די אלע זאכן, אז ער טוט מער ווי וואס סתם מענטשן טוען.

ווען מען גייט מעסטן א חסיד וואס טוט מער פון סתם מענטשן, וועט זיך עס מעסטן אנטקעגען אנדערע פון זיין דרגא, אזוי ווי מ'זעהט ביי דוד המלך אז ער האט זיך געמאסטן לפי אנדערע מלכים, ווי ס'איז מבואר אין די גמרא (ברכות דף ה) 'שכל מלכי מזרח ומערב וכו' (שתי לשונות בגמרא שם).

דאס הייסט אז סתם א מענטש מעסט זיך די חסידות זיינע מיט וואס ער טוט מער ווי עמך יודען טוען, אבער אזא קעניג ווי דוד מעסט זיך עס נישט אנטקעגען פשוטע מענטשן, נאר מיט דעם וואס ער איז גרעסער ווי אנדערע מלכים, מיט דעם האט זיך ארויסגעברענגט זיין הגדרה אז ער איז א חסיד.

## א חסיד א בעל תשובה

רש"י זאגט אין סוכה אז א חסיד הייסט איינער וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט. דער אבודרהם אויף די ברכה פון 'על הצדיקים ועל החסידים', זאגט אז א די הגדרה פון א 'חסיד' איז א 'בעל תשובה'. איז דאך לכאורה א סתירה, א חסיד איז איינער וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט, אדער א חסיד איז א בעל תשובה.

די תירוץ איז אז א 'חסיד' איבעראל הייסט איינער וואס טוט מער פון אנדערע, איז ממילא סיי דער וואס האט קיינמאל נישט געזונדיגט איז א חסיד, היות סתם מענטשן ווערן אמאל נכשל מיט א חטא. און אזוי אויך א בעל תשובה איז א חסיד, היות סתם מענטשן זענען אביסל ווייט פון די מושג 'תשובה'. צומאל דייקא דורעך דעם וואס מען איז אינגאנצען ריין, ווערט מען אנגערופן 'חסיד', און צומאל איז פארקערט, מ'האט טאקע געזונדיגט, אבער מיטן תשובה איז מען אינגאנצן ריין אזוי ווי דוד המלך.

## חסיד המתחסד עם קונו

ס'איז באקאנט די הגדרה אויף א חסיד, איינער וואס דינט דעם אייבערשטן מיט הארץ, מיט אהבה ויראה, און ביטול וכדו'. און דאס איז אויך מכח דעם אויווענדערמאנטן יסוד, היות סתם מענטשן אין 'דזשענעריל', געבן זיך שוועער אפ מיט פנימיות, ממילא איינער וואס געבט זיך אפ דערמיט, ווערט באטיטלט 'חסיד'.

**א חסיד איז איינער וואס גייט אין א זאך מיט מסירות נפש, א מסירות נפש יוד, ער שטייט נישט על קו הדין, ער שטייט אויך נישט אין דעם שביל הזהב אינדערמיט, א חסיד איז איינער וואס גייט עד קצה האחרון, א 'קיצוני', ער גייט אריין אין א זאך מיטן גאנצן כוח, מיטן גאנצען געשמאק פון קנאות און פרימקייט.**

די חז"ל זאגען, 'איזהו חסיד המתחסד עם קונו', דאס הייסט, אז היות סתם מענטשן טראכטן נאר פון זיך, איז איינער וואס איז נישט אזוי, ער טראכט יא פונעם אייבערשטן, ער איז א 'מתחסד עם קונו', ער איז מעורר זיין אהבה און יראה צום אייבערשטן, אזא איינער איז א חסיד, היות ער טוט מער ווי אנדערע.

אין מסכת שמחות (פרק יב) איז דא א הגדרה אויף א חסיד 'אלו הן חסידים הראשונים שהיו מקדימים בית האבל לבית המשתה'. אין די טעם איז, היות סתם מענטשן זענען דאך מקדים א בית המשתה פאר א בית אבל, ווייל א בית המשתה איז געשמאק, ס'גייט זיך אהין ווי פון זיך אליינס, איז ממילא איינער וואס איז יא מקדים א בית האבל פאר א בית המשתה, אזא איינער גייט אריין אין די קאטיגאריע 'חסיד', וואס דאס מיינט אז ער טוט מער ווי אנדערע.

אין מדרש שוחר טוב (תהילים פרק לז) איז דא הגדרה אויף א חסיד, 'מי שסיפק בידו למחות בבזיונו ושותק', סתם מענטשן ענטפערן יענעם ווי עס דארף צו זיין, איז איינער וואס קען זיך אופהייבן א ביסל, ער שווייגט ווען מ'איז אים מבייש אפילו ווען ער קען מוחה זיין, גייט ער אריין אין די קאטעגריא חסיד.

און אין די ספרים הקדושים איז דא אן א שיעור זאכן וואס זענען מגדיר די דאזיגע נקודה, וואס איז א חסיד, ווי מ'זעהט אין די ספרי מוסר, ווי ראשית חכמה, שלה"ק, חובת הלבבות, מסילת ישרים, יסוד ושורש העבודה, וואס זיי אלע קומען בעצם אויף די איינע נקודה, מגדיר צו זיין וואס איז דאס א חסיד, ווי אזוי דינט מען דעם אייבערשטן מער ווי סתם אזוי יעדער איינער.

און כל שכן די הייליגע ספרי חסידות (בפרט מער פון די ערשטערע דורות), וואס זיי זענען שטארק פארנומען מיט די שאלה, 'איזהו חסיד'? וואס איז די הגדרה, ווער גייט אונטער די קעטיגאריע 'חסיד'. און זיי זענען מבאר יעדער מיט זיין מהלך, מיט זיינע זיסע געדאנקן, צו עפענען די געפיל צו די דערהויבענע מושג 'חסיד', וואס בכללות איז דאס, איינער וואס טוט מער ווי אנדערע.

## א חסיד איז א קיצוני און א קנאי

א חסיד איז איינער וואס גייט אין א זאך מיט מסירות נפש, א מסירות נפש יוד, ער שטייט נישט על קו הדין,ער שטייט אויך נישט אין דעם שביל הזהב אינדערמיט, א חסיד איז איינער וואס גייט עד קצה האחרון, א 'קיצוני', ער גייט אריין אין א זאך מיטן גאנצן כוח, מיטן גאנצען געשמאק פון קנאות און פרימקייט.

אין די פוסקים זעהט מען כסדר אז א בעל נפש זאל מחמיר זיין, א 'בעל נפש' מיינט א 'חסיד' (עי' רש"י במסכת שבת בסוגיא דכיבוי דליקה), דאס הייסט אז א חסיד איז א מחמיר. בפרט ווען ס'קומט צו די ענינים ווי מידת ענוה, וואס אויף דעם זאגט דאך שוין די משנה זעלבסט 'מאוד מאוד הוי שפל רוח', אז מ'זאל גיין ביי דעם ענין בקיצוניות, ביז די אנדערע עק, און ווי מ'זעהט אין אלע ספרי חסידות ווי א חסיד דארף אריין לייגן אין דעם זיין גאנצע חיות.

באמת קען מען גאר אסאך מאריך זיין, סיי אין די הגדרות פון חז"ל, און אויך אין די הגדרות פון ספרי מוסר וחסידות, אויף אלע הגדרות איז געזאגט געווארן 'אלו דברי אלקים חיים', נאר זיי זענען דרגות אויף דרגות אין די זאך, א גרעסערע דרגא חסיד, און נאך א גרעסערע וכו'.

# חינוך

## • מען פיקסט אבער למעשה מאכט מען קאליע

אין יעדער ענין וואס א מענטש טוט, דארף מען האבן די ריכטיגע באלאנס, ווי סאך צו טוהן, און ווי סאך נישט, און אויב וויייניג טוהן איז נישט גוט, איז צו סאך טוהן אויך נישט גוט, ווייל אלעמאל דארף א יוד זיין אויף דער ריכטיגער באלאנס.

יעדער האט שוין געהאט אמאל, אז מען האט פראבירט צו טוהן און אויפטוהן, און ביזדערווייל האט ער גאר ערגער געמאכט. צומאל רופט מען א ארבעטער, א טעקנישן און דאס גלייכן, ער פראבירט צו פיקסען, אבער למעשה האט ער עס גאר ערגער געמאכט. בפרט ווען א מענטש פראבירט אליינס צו פאררעכטן, צומאל קען ער עס נאכמער צוברעכן דורעך דעם.

קומט אויס אז אסאך מאל איז בעסער נישט צו טוהן. אז די פאנגסט אהן צו פאררעכטן עפעס, און די זעסט אז די מאכסט ערגער, דאן ווער נישט נאכגעשליפט אינדעם מער, נאר אדרבא האב די כוח עס צו סטאפן, ווי מ'זאגט, גענוג צובראכן, שטיי אויף די ריכטיגע באלאנס ווי סאך צו טוהן אין יעדער זאך.

אויך אין די פעלד פון חינוך גייט אהן די דאזיגע כלל, אז אסאך מאל צו סאך טוהן אין חינוך, צו סאך זיך אריין לייגען די קאפ אין די קינדער, קען צומאל קאליע מאכן. ווי למשל, ס'מאכט זיך אז מ'געט א קאמפלעמנט פאר א קינד, מען האט אודאי אינזונען לטובה ולברכה, אבער למעשה צומאל קומט אויס, אז אנשטאט מתקן זיין, איז גאר ארויסגעקומען א קלקול, מען האט גאר קאליע געמאכט.

ס'איז ידוע די סתירה פון בטחון און השתדלות, ווען דארף מען ניצן וואס. איינער פון די שארפע הגדרות אין דעם איז, אז טאמער קומט אונטער צו טוהן די זאך נאטורלעך, דאן איז דא ביי דעם א חיוב 'השתדלות', אבער טאמער דארף מען ארויסגיין צו סאך פון די נאטורלעכקייט, דאן קומט די חיוב בטחון אינעם אייבערשטן.

אז מ'וועהט גוט קוקען וועהט מען זען, אז ווען מען גייט צושטארק ארויס פון זיך, צו סאך השתדלות, דאן זעצן זיך נישט זאכן אין פלאץ. ווי למשל ביים געבן א קאמפלמענט, איז עס אונטער געקומען, דאן איז דאס אין כלל פון חיוב השתדלות, סקומט ארויס ריכטיג און נאטירלעך.

אבער טאמער שטרענגט מען זיך אהן צו שטארק, ס'קומט נישט ארויס נאטורליך, דאן איז דאס שוין נישט אין כלל פון חיוב השתדלות, דאן איז בעסער צו גיין מיט די כח הבטחון. ווייל טאמער וועט מען פראבירען נישט נאטורליך זיך אנצושטרענגען, וועהט עס געוועגדליך נישט ארויס קומען צו גוט.

## • מ'פראבירט

ס'איז דא זאכן וואס א קינד נעמט לייכט אריין, אבער געוויסע זאכן וואס מען וויל עפענען ביים קינד, דארף מען אסאך סבלנות און געדולט, און דאס איז נישט מחמת וואס די קינד מאכט שווער, נאר פשוט יעדער זאך דארף ווערן געטוהן מיט די ריכטיגע באלאנס, און היות ס'איז דקות'דיגע און טיפע זאכן, מוז עס צוגיין אזוי אז דער קינד לאזט נישט אריין די זאך אויפאיינמאל, און ממילא דארף מען גיין צוביסלעך, און נישט שטופן מער ווי עס קומט, נאר מען רעדט און מען רעדט ביז נאטורליך עפענט זיך די זאך אויף, מיט די ריכטיגע באלאנס.

כדי איבער צוגעבן א דקות'דיגע זאך פאר א קינד נאטורלעך, פעלט זיך אויס צו זיצן נאטירלעך אסאך שעות, און בשעת'ן פארברענגן נאטורליך, און די הארץ איז אפען, דאן קען מען ארויסברענגען וואס מען האט געוואלט אויף א פשוט'ע וועג, צווישען די ווערטער און די שורות. און אויב ס'קומט ארויס נאטורליך, דאן וועט עס געווענטליך אויך אריינגיין נאטורליך.

> **א מענטש איז נישט בעל הבית צו שטופן זאכן, ער קען סך הכל פרובירן. ווי א יוד האט אמאל געזאגט, וואס איז די שארפע הגדרה פון א מענטש, פון א בן אדם, "א פראבירער", א משתדל, איינער וואס פראבירט כסדר. ווי די ריכטיגע אפטייטש פון די ווארט 'השתדלות' - 'פראבירן'.**

און אזוי איז עס אין אלעס, א מענטש איז נישט בעל הבית צו שטופן זאכן, ער קען סך הכל פרובירן. ווי א יוד האט אמאל געזאגט, וואס איז די שארפע הגדרה פון א מענטש, פון א בן אדם, "א פראבירער", א משתדל, איינער וואס פראבירט כסדר. ווי די ריכטיגע אפטייטש פון די ווארט 'השתדלות' - 'פראבירן'.

ס'איז באקאנט אז אפילו די ריזיגע דאקטורים אויפן וועלט, זאגען אלץ אז זיי 'פראבירן' נאר, זיי מאכן השתדלות, מ'פראבירט דאס און מ'פראבירט יענס, און מ'ווארט צו זען ווי אזוי די גוף נעמט עס אן. על כל פנים, דאס איז אונזער מציאות, אונז זענען 'פראבירעס'.

'פארזיכערט' איז נאר דער אייבישטער, אונז אבער זעמיר נאר 'פראבירעס'. אז א יוד וויל זיין פארזיכערט איז עס נאר שייך מצידו יתברך, ער האט 'בטחון' אינעם אייבערשטען, וואס ער כביכול איז דער איינציגער בטוח.

און צוריק צו עניני חינוך, צומאל ביי חינוך גייען מענטשן אביסל מער ארויס פון זיך, מ'טוט אביסל מער ווי ער וואלט געטוהן ביי אנדערע זאכן, און ס'איז אודאי דא א מקום דערצו, היות די 'חינוך' איז דאך אונזער נשמה, אונזער שווארץ אפעל, ממילא קומט טאקע זיך אסאך אוועק צו געבן פאר חינוך, אזוי ווי מ'געט אסאך אוועק פאר די עצם לעבן זיינער.

אבער פון די אנדערע זייט, איז 'חינוך' נאר א חיוב השתדלות, ווייל פארזיכערט און 'סעקיורט' איז נאר דער באשעפער אליין, וואס דאס איז גולטיג ביי אלעס, אויך ביי ענינים פון חינוך. און ווי מען זעהט בחוש, אז זאכן קומען גאר ארויס אסאך בעסער דייקא ווען מען טוט עס לייכט אויף א אויפן פון השתדלות, מען גייט נישט ארויס צו א זאך, מער ווי די נאטורליכקייט זאגט, אפילו אין די עניני חינוך.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+